היינט 4 זייטן.

Radom, dnia 3 Lutego 1931 r.

ראדאָם, ... שבט תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייזן:

| | |
|---|---|
| אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט | 40 גר. |
| " " " אין " | 60 " |
| " " " נאָכ'ן " | 25 " |

די 1-טע און לעצטע זייט אָנגעהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

## בעקאַנטמאַכונג.

— די —
אידישע **פאָלקס-באַנק** אין קעלץ (באַנק לודאָווי)
מאַכט בעקאַנט, דאָס צוליעב דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אינקאַסאָ-אַבטיילונג ווערט אַנגענומען העקסלען אויף אינקאַסאָ אויף גאַנץ פּוילען
רעכענענדיג פּראָוויזיע נור 90 גר.
די אינקאַסאָס ווערן אויסגעצאָלט אין טאָג פון איינפליסען שנעל און פּינקטליך
געזעצליך: די אינקאַסאָ-אַבטיילונג איז טעטיג אָהן הפסקה ביז 6 נ"מ.
די אידישע **פאָלקס-באַנק** אין קעלץ
(באַנק לודאָווי)

---

**Dr. Med. SZ. HERTZ**
**Akuszerja, choroby kobiece.**
DZIECI przyjmuje od godz. 1 — 3 pp.
**RADOM, ul. RWAŃSKA 19.**
(I-sze piętro).

**ד"ר מעד. ש. הערטץ**
**אַקושעריע, פרויען - קראַנקהייטען.**
קינדער פון 1 — 3 נ. מ.
**ראַדאָם, רווינסקאַ 19.**

---

Z dniem 1-go Stycznia 1931 r. został otwarty
**Skład Apteczny**
**B-ci SYLBERMAN**
KIELCE, Starowarszawska 10

**POLECA:** Materjały apteczne, chirurgiczne, środki opatrunkowe, specyfiki, przetwory chemiczne, chemikalja, artykuły techniczne, wody mineralne, naturalne i sztuczne, kosmetyki, perfumy i wody kolońskie we flakonach i na wagę, farby, pokosty, smary, oliwy, mydło, aparaty i przybory fotograficzne.

Polecamy się łaskawej pamięci
**Skład Apt.**
*B-cia Sylberman.*

---

בברכת מזל-טוב אנו מברכים את חברתנו ר ח ל ז י ל ב ר ש ט י ן
לנשואית עם מר ש מ ו א ל ק ל י מ ן.

ועדת קרן - קימת - לישראל
ב ק י ל צ ה.

---

ברכתי העמוקה לנשואי ר ח ל ז י ל ב ר ש ט י ן
עם מר ש מ ו א ל ק ל י מ ן.
יזכו לבנות ביתם על הרי ציון וירושלים!

גדלי' פריס, קילצה.

---

Wyrażamy niniejszem
GUCI ZYLBERSZTAJNÓWNIE
serdeczne wyrazy współczucia
z powodu śmierci MATKI Jej
B. P. **Rywki Zylbersztajnowej**

*Wychowawczyni i koleżanki*
kl. VIII Gimnazjum Zimnowodów
**w Kielcach.**

---

את חברנו ח י י ם ב ס נ ד ו ר ף לארושיו
אנו מברכים בברכת מזל-טוב לבבית.

ועדת קרן - קימת - לישראל
ב ק י ל צ ה.

---

צו דער פערלאָבונג פון פרל' צ ע ש י א א ל ב י ר ט
מיט ה' ח י י ם ב ע ס ע נ ד א ר ף
ווינשען מיר פיעל גליק און א הערצליכען מזל-טוב.

קיעלץ. ברידער איזאַק און וו. גאָלעמביאָווסקי.

---

ל ח י י ם ב ס נ ד ו ר ף
מזל - טוב לארושיך!

גדלי' פריס, מנחם פרל, ל, רודל,
מנחם פרקובסקי, אלימלך הוניגסברג.

---

מיין טיפסטען מיטגעפיהל דעם ה' **משה זילבערשטיין** און פרוי
צו'ן טויט פון זייער מוטער **ר ב ק ה**
און שוואַגער און ברודער **אברהם שפּערמאַן** נ. ע.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ת. זיעלאַבי, קעלץ

# און ווען שרייז ביליג...

אין דער יעצטיגער קריטישער שעה, האָט מען געפונען א רפואה צום קרי־זיס, מיט'ן פערביליגערען די פרייזען. די מאכט־אָרגאַנען מיט'ן האנדעלס־מיניסטער ערקלערען, דאָס די איינ־ציגע הילף פאר'ן ווירטשאַפטליכען קריזיס, איז נאָר דאָס פערקלענערען די פרייזען פון אלע אַרטיקלען, און דאַן. ווען דאָס וועט געשעהן וועלען מיר האָבען די ריכטיגע ישועה.

מע'ליך, אז לויט דער עקאָנאָמישער טעאָריע איז דער פלאַן א ריכטיגער, אָבער אין דער פּראַקטיק וואָס וועט דאָס העלפען. עס איז פערהאַן א שפּריכוואָרט „וואָס קומט שוין ארויס, אז דער אָקס קאָסט אַ גראָשען, בעת דער גראָשען איז נישטאָ?"... וואָס קע־נען אונז העלפען די אלע פערבילי־גערונגען, אז די וועט זיך די קויפס־קראַפט נישט פיעל הויבען, בעת די מאַסען פערדינען נישט, עס וועט זיי ווי סיי נישט זיין פאַרוואָס צו קויפען.

צי איז דען מיט דריי יאָהר צוריק בעת אלע אַרטיקלען זענען געווען טייער, די עקאָנאָמישע לאַגע נישט געווען פיעל בעסער. מען האָט פערדינט און עס איז געווען מיט וואָס צו קויפען.

און בכלל צי קען אזא מין פערבי־ליגערונגס־אַקציע אָנפיהרען די רעגי־רונג, בעת עס ווערען געהויבען די מאָנאָפּאָל־אַרטיקלען און די אַקציז־אַרטיקלען וועלען נישט ביליגער ווע־רען. עס איז דאָך גענצליך אונפער־שטענדליך, דאָס פון איין זייט צו ווע־לען ביליגער מאַכען און זעלבסט פער־טייערען דעם פרייז פון זאַפּאַלקעס מיט קנאַפּע דרייסיג פּראָצענט. דער אַקציז פון צוקער ווערט נישט ביליגער אין פוילישען צוקער קענען עסען אויסלענדער, וועלכע קויפען איהם פאר א העלפט פרייז ווי מיר אין פוילען, ווען דער באַהן־טאַריף ווערט נישט ביליגער אין דירה געלד זאָל געהעכערט ווערען...

עפּעס איז דער גאַנצער פּלאַן נישט אויסגעהאַלטען און די פּראָיעקט־גע־בער זענען זיך צופיעל מותר.

ווען מען וויל באמת לינדערען דעם קריזיס, הויבען די פּראָדוקציע. פער־גרעסערען דעם קויפס־קראַפט, ווען מען מיינט דאָס אַלץ אויפריכטיג — דאַן דאַרף מען זעלבסט געבען א גו־טען ביישפּיל דערצו.

עס דאַרפען בעדייטענד פערקלע־נערט ווערען די שטייערען.

עס דאַרפען אין דער ערשטער ריה ביליגער ווערען די מאָנאָפּאָל און אַקציז־אַרט קלען...

עס דאַרפען ערטיילט ווערען גרויסע קרעדיטען פאר דער אינדוסטריע און האַנדעל.

דאַן, ווען דאָס וועט געטהין ווע־רען, און דער סוחר וועט אַנשטאָט צו קלערען שטענדיג פון וואנען צו צאָהלען שטייערען, זייט האָבען אריינ־צוקלערען אין געשעפט, צו פערגרע־סערען עס און בעשעפטיגען מעהר אָנגעשטעלטע — וועט שוין במילא די קויפס־קראַפט פערגרעסערט ווערען און דער קריזיס וועט ווערען קלע־נער.

און ווען דאָס וועט נישט געשעהן, איז א פראגע, צי די ביליגקייט וועט זיין דער גואל פון קריזיס.

**מ. וואַרשאַווסקי.**


Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:

Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:

Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych:

Windykacje należności w całej Polsce.
Informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
Biuro czynne: od godz. 8-ej rano do 7-ej wieczór.



— די — שענסטע

טאַפּעטען

צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאַנג־יעהריגער פירמע

ש. שטיינמאַן

ראַדאָם, לובלינער 21.


# טאָג = בוך

# פון אַ ראַדאָמער זעלבסטמערדער

## (פיניעלע ראַדאָמער אַ רוסישער שפּיאָן.)

דאָס וואָס פיניעלע ראַדאָמער האָט דערציי'הלט איז געווען ממש א שפּאַ־נענדיג געשיכטע פין גאָר. די צוהערער האָבען וואָס אמאָהל מעהר געשטוינט און זיך נישט געקענט אויסוואונדערען ווי אזוי פון א איינפאַכען יונג איז פלוצלינג אויסגעוואַקסען אַזאַ ראַפּי־נירטער שפּיאָן און נאָך דערצו אין מלחמה צייט. אין דער מוירטען־קאַמער וואו ס'האָבען געוואַרט העכער 20 פערמשפּט'ע. וואָס די „טשעקאַ" האָט געזאָלט דערשיסען פאר געגענשטעלען זיך דער באָלשעוויסטישער מאַכט. אין דער דאָזיגער גיהנם אָבטיילונג האָט געהערשט א מוראדיגע שטילקייט און אַלץ האָט מיט פערכאַפּטע אָטהעמ'ס זיך צוגעהערט צו פיניעלע'ס העלדען־געשיכטע.

איך וויל א בערגעבען נאָך א טייל פון פיניעלעס דערצעהלונג און דאָס וואָס אויך זיין נענוג אינטערע־סאַנט. פיניעלע וואָלט איבערגעגעבען פיל מעהר און דוקא נאָך וויכטיגע פּרטים פון זיין שפּיאָנאַזש־קאַריערע. ער האָט אָבער גישט בעוויזען גלייך צו דערצעהלען אויספיהרליך, ווייל אין מיטען זיין רעדען האָט מען אָנגע־קלאַפּט אין אונזער קאַמער און עטלי־כע „טשעקא"־אַגענטען האָבען אונז בעפוילען צו גרייטען זיך צו דער עקזעקוציע.

וואָס פיניעלע האָט יאָ בעוויזען צו דערצעהלען איז דאָס:

— יאָ, פאר 1000 רובעל האָט מיך דער טייוועל געשטויסען אין אזא מי־אוס'ען זומפּף פון וועלכען כ'האָב שוין מעהר נישט געקענט אַרויס. אזוי איז שוין די וועלט. דאָס געלד האָט א גע־וואַלדיגע פּשוט־קראַפט. ווען כ'האָב שוין געהאַט פערדינט די 1000 רובעל וואָס איז מיר געקומען ביים פּולקאָווניק פון דער ראַדאָמער זשאַנדאַרמער־יע, האָט מיך שוין גישט געגלוסט צו וואַרפען די שפּיאָנאַזש־אַרבייט, פער־קעהרט, ס'האָט מיך נאָך מעהר צוגעצ־צויגען. פון אלע זייטען האָט געפלויסען געלד ווי וואַסער פון א קוועלדי־גען טייך. ס איז געווען א צייט ווען איך דער וועלט האָט געהערשט אַ גע־וואַלדיגער כאַאָס אין א ווילדע משוגעת האָט ארומגעכאַפּט דעם גאַנצען ערד־קוגעל. כ'בין אריין אין דער היסטער בהלה מיט לייב אין לעבען און דער נאָמען מענש האָט זיך פון מיר אינגאַנ־צען אָבגעטוהן. מיין גאַנץ וועזען איז געוועזען בעהערשט נאָר פון איין געפיהל: ברענגען וואָס מעהר קרבנות, ארויס־ווייזען מיינע פעהיגקייטען אין מיין גרויסע נוצען פאר'ן רוסישען פאָטער־לאַנד. כ'ווייס נישט וואָס מיט מיר האָט זיך געטוהן, אז איך, א יוד, געבוירען ביי א פאָלק, וואָס האָט שטענדיג געקעמפט מלחמות און בלוט־פערגיסונגען, זאָל אזוי פערקע־נדערט ווערען און אזש אין א ווילדע בעסטיע פערוואַנדעלט ווערען. כ'בין אזוי טיעף אריין אין מלחמה־פיבער, אז כ'האָב גאָרנישט פערשטאַנען ווי אזוי, אויף דער וועלט קענען זיך ארומדרעהען מענשען ציווילע און פיהרען זייערע פּריוואַטע עסקים און ניט נעמען קיין אנטייל אין דעם גרויסען בלוט־באָד, וואָס האָט געגאָסען איבער גאַנץ אייראָפּא און אזש ווייס, ווייט איבער די גרענעצען פון אזיע און אפריקא כ'האָב פארגעסען אין מיין היים, אין מיין ווייב, אין מיינע אייגענע קינדער, ווער האָט בכלל געדענקט, אז ערגיץ

# אין דריי וואכען ארום הויבען ווידער אן קורסירען די שטאדטישע אויטאבוסען.

## אבער נישט די פריהערדיגע, נאר נייע.

אויף א רייהע זיצונגען אין מאגיסטראט וואס די קאמיסיע פון די שטאדטישע אונטערנעהמונגען האט אנגעהאלטען מכח איבערגעבען אין פריוואטע הענד די קאמוניקאציע פון שטאדטישע אויטאבוסען — איז ענדליך די שעג געשלאסען געווארען צו איבערגעבען די דערמאנטע אונטערנעהמונג דעם אינזשיניער קאיפ פון לובלין, וועלכער וועט שוין אין די נאר נאהנטסטע וואכען לאזען אין פערקעהר זעקס אויטאבוסען, וואס וועלען קורסירען יעדע 15 מינוט.

די אויטאבוסען וועלען נישט זיין די זעלבע, וואס זענען געקויפט געווארען דורכ'ן פריהערדיגען מאגיסטראט. נאר דאס וועלען זיין נייע אויטאבוסען פון דער פוילישער אויטא-פאבריק „אורסוס", וועלכע וועלען נישט אזוי שנעל קאליע ווערען ווי די פריהערדיגע.

די פרייזען פון די בילעטען וועלען בלייבען אין דער זעלבער הויך וואס פריהער און אויך די אויטאבוסען וועלען קורסירען אין די זעלבע ריכטונגען.

# פון דער קרן-החלוץ-אקציע אין ראדאם.

(קאמוניקאט.)

אין שייכות מיט דער קאטאסטראפאלער לאגע פון די חלוצישע הכשרה-אינסטיטוציעס אין פוילען, וועלכע בעדראהט פשוט די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון די אלע פאכמענישע און גייסטיגע קוזשניעס פאר דער חלוצישער יוגענד אין לאנד ווי צב"ש די שטיינהאקערייען, סארטאקען לאנדווירטשאפטליכע פערמעס און העברעא'שע סעמינאריומ'ס – איז אין אונזער שטאדט גלייך ווי אין גאנץ פוילען ערקלערט געווארען א רעטונגס-אקציע מיט'ן צוועק צו ראטעווען די אלע תעכסט-וויכטיגע אינסטיטוציעס און צו ערמעגליכען דער יוגענד די עליה קיין א"י — ביי דער ערשטער בעססער קאניוקטור-געלעגנהייט. לייי-דער האט די אקציע, וועלכע ציהט זיך שוין אנ'טרך 2 וואכען ביזאהער נישט ארויסגערופען די געהעריגע מאס פארשטענדניש, וואס זי פארדינט אין די רעזולטאטען זענען דערוויל ניט בעכריגע.

מיר אפעלירען דעריבער צו דער יודישער געזעלשאפט אין ראדאם: נעמט אויף אונזערע דעלעגירטע און זאמלער בסבר פנים יפות! דערלאזט נישט, אז צוזאמען מיט'ן עקאנאמישען חורבן פון די יודען אין גאר דער וועלט זאל אויך קומען דער צוזאמענברוך פון די האפנונגען פון אונזער בעסטער יוגענד!

„שטיצט דעם „קרן-החלוץ".

„ועד ידידי החלוץ"

ב ר ד ו ם

התתדרות

„החלוץ" בפולין

ס:יף ברדום.

# ראדאמער געריכט פער'משפט א געפעהרליכען באנדיט אויף טוידט.

מיט א סנאפ יאהר צוריק איז אין דארף וואשניק פארגעקומען א שריפה בעת וועלכער ס'זענען אומגעקומען א מאן מיט א פרוי און קינד.

געשעהן איז דאס דעם 8 מאי 1930. אויף צומארגענס האט מען אין אש געפונען דריי פערקויהלטע קערפערס, לויט וועלכע מ'האט דערקענט די איינוואהנער פון יענעם דארף: חינצענטי ווארכאלאווסקי, זיין פרוי סטעפאניא און נייער איין-און-איינציג טעכטערי'ל פון 18 מאנאטען — רישקא.

דער אויספארשונג'ס-ריכטער וואלסקי וועמען מ'האט מודיע געווען וועגען אומגליקליכען פארפאל איז ארויסגעפאהרען אויפ'ן ארט פון געשעהעניש און ער האט נישט געקענט פערשטעהן, די סבה פון דער שריפה מיט די דריי קרבנות, זאל זיין בלויז דאס, וואס אין הילצערנעם בנין פון ווארכאלאווסקי איז מען זיך אומגעגאנגען מיט פייער נישט גענוג פארזיכטיג. דער אומגליק'ס-פאל איז איהם פארגעקומען אלס א אויסערגעוועהנליכע זאך צוליב דעם, וואס קיין איינער פון דריי מענשליכע קרבנות האט נישט געפרובט זיך צו ראטעווען. דער פאקט,

# ווייבער אין זעלנערישע הויזען?

(א געשטערטער שלום-בית צוליב דעם פראיעקט פון ווייבער-זעלנער)

איך בין שוין געשמאק געשלאפען, און מיטען דרינען ווער איך אויפגעוועקט פון א גערודער. איך הער מיך צו פון וואנען קומען די קולות — פון מיין שכן. ער שרייט: נישט זעלנער. און זי שרייט: יא זעלנער. זעלנער אהין און זעלנער אהער.

וואס איז דאס פארא געזעלגעדעכץ אזוי שפעט ביינאכט? אין פלוג האב איך מיך טאקע דערשראקען אויך. היינטיגע צייטען, וואס מ'הערט אלץ, ווער ווייסט און ווי איך ליג אזוי און האָרך זיך צו דער „האיסקאווע נאכטדעבאטע" פאלט צו מיר אריין דער שכן מיט דער ווייבער שכנ'טע, ביידע האלטען זיי א בלאט צייטונג.

— ר' משה מענדעל, איהר שלאפט שוין? זאגט צו מיר מיין שכן.

וואס איז עס געשעהן? פרעג איך א דערשראקענער.

כ'האב אייך, זאגט ער, געוואלט פרעגען, צי איהר ווייסט נישט אמאהל וואו זי וואוינט די חכמה?

וועלכע חכמה? פרעג איך איהם.

נו, זי, זאגט ער, די מוירעטשעווסקי.

ווער? זאגט איהר? מוירעטשעווסקין?

ווער איז דאס פארא איינע?

איהר ווייסט גארנישט, חידוש'ט ער זיך, ווער ס'איז די מוירעטשעווסקין? די ציציליסטקע, וואס ס'איז איהר איינגעפאלען א משוגעת, צו נעמען ווייבער צו די זעלנער. אט, נאט — שטופט ער מיר די צייטונג צום פנים — איהר האט נארנישט געליינט פון דער מעשה? איהר זאלט מיר געזונד זיין, איהר זענט דאך נישט קיין נאר, איהר האט שוין אמאהל געהערט פון ווייבער אין זעלנערישע הויזען? ווייבער זאלען געהען אויף „טשוויטשעניעס" ווייבער, ווייס איך, קענען זיך „טשוישעטשען" ביי דער פודערגיטשקע, זיי קענען געהען אויף „טשוויטשעניעס" — צום מאנ'ס קעשענעס. אויב, זאגט מיין שכן מיט כעס, אויב די ווייבער וועלען ווערען זעלנער וועלען מיר מענער דאך מוזען ווערען אמ'ען און זייגען די קינדער...

יא, רייסט איהם איבער די יודינע, די שכנ'טע מיינע, וואס איז ס'שטעהט אייך אפשר נישט אן? ווער איז ארי-בערגעפלויגען איבער'ן אטלאנטיק נישט א יודענע? זי האט זיך טאקע אין יעדען דארף ארומגעשלאגט אביסעל „א פאטשניג", אבער געפלויגען איז זי... אויב ס'זענען דא דעפוטאטען וואס רעדען נישט, וועלען איצט זיין זעלנערקעס, וואס וועלען נישט שיסען. און ווער זאגט דען, אז מיר וועלען נישט שיסען? אז ס'טעט זיך יאווען א „מאדאווע" פארוטשניק, וועלן מיר איפ שיסען מיט די אויגן... מילא, איך וועל שוין זיין א רעזערוויסטקע. אבער פאר מיינע טעכטער וועט דאך דאס זיין אנ'אויפראכטעניש. שטעלט אייך פאר מיין סאלטשע, אזא מויד וועט זיכער ווערען א סערזשאנט. גוטשע וועט זיך זיכער ביי די זעלנער „דאראביען", זי וועט זיכער מיט דער צייט ווערען א פלוטינאווע. דארשטעלע זאל געזונד זיין, מיט אזעלכע „זדאלנאסטשעס" ווי זי האט, וועט זי אפשר ווערען א פארוטשניק... יעדע פאר חדשים וועלען זיי אהיימקומען אויף אורלויב. גוטקע מיט איין בענדעל, דארשעלע מיט א „קזשיזש זאסלוזשאנצי" און אפשר מיט נאך עפעס — ווער ווייסט?... א קליינגקייט. וואס ביי די זעלנער

# די שטאָדט־גאַזאָרניע

— פערקויפט —

## הורט און דעטייל

## פרעפּאַרירטע סמאָלע — קאַרבאָלינעאום

## און קאָקס

צו בעדייטענד ביליגע פּרייזען

— פיהרט אויס —

## גאַז־אינסטאַלאַציעס

## וואַנע אייוועלעך

## קיכלעך צו קאָכען

## אייוועלעך צו וואַרימען

— בעשטעלונגען נעמט אָן —

## GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 154 skrz. p. 28

# התראה!

אזוי ווי ביי אונז אין שטיבעל, לובלסקא 73 געפינט זיך א פערזאָהן יחיאל מייכמאַן וועלכער האָט זיך געשטעלט פאר א איש־אבע צו שטערן דעם דאווינען און צו שלעפען און זידלען אלע גדולי ישראל. יעדען שבת, אויב ער האָט נאָר צייט — קומט ער אין שטיבעל אריין און מאַכט פערשידענע געוואַלדען. עס ווערט ניט געשוינט פון איהם אפילו דער גרעסער רבי שליט"א, וועלכען ער שעלט מיט מיאוסע קללות. א געוויסער שלמה פּאָרמאנסקי האָט זיך אבגענומען דעם כבוד פון זיין רבי'ן של מ"א, האָט דער אויבענדערמאָנטער פערזאָהן איהם עפענטליך געפּאַטשט. ער האָט געבראָכען דערצו, אז דער דורך אונז אלעמען געליבטער און געאכטעטער ר' ירחמיאל גוטמאַן, וועלכער איז בעקאַנט אין זיין הרבצת תורה און מיט זיינע מידות טובות האָט געמוזט אונטערן האָגעל זידלערייען פון דעם פערזאָהן אוועקגיין פון שטיבעל, און מיר האָבן דאדורך היינט אזא איש נכבד.

זענען מיר מתרה, דאָס אויב דער דערמאָנטער יחיאל מייכמאַן וועט נישט אָפּשטעלען זיינע מיאוסע שטיק, וועט די פערענטוואָרטליכקייט פון די דורך אונז געצווינגענע קאָנסעקווענצען פאַלען אויסשליסליך אויף איהם

רדום ג׳ יתרו תרצ"א

בריגשי כבוד: ועד השטיבעל

לובלסקא 98.

# פאַריגען ווינטער

איז געשטאָרבען די משה סעפיר'ס אַלמנה... א בחור פון 25 יאָהר, ער האָט נישט געהאַט קיין עלטערען, נאָר איז געוועזן גאַנץ ברידער. איך האָב זיך געווענדעט צום פרעזעס פון דער חברה „ומחי אביזי" מיט דער ביטע צו שיקען א פערזאָהן צו מיין ברוד ראַוויזי. ער האָט מיר געענטפערט, אז מ'וועט זעהן אָבער ביז היינט איז נאָך קיינער נישט געקומען.

גיטל מאַנקעוויטש, האַזל 7.

# PRZETARG

Gazownia Miejska w Radomiu sprzeda w drodze przetargu

## 80 ton smoły preparowanej,
## 8 ton carbolineum,
## 5 ton benzolu surowego.

Oferty należy składać w biurze Gazowni Miejskiej, Młodzianów, ulica Gazowa w zalakowanych kopertach z napisem „Oferta na smołe".

Gazownia zastrzega sobie wybór oferenta

Zarząd
Gazowni Miejskiej.

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dni następnych

## Neapol, śpiewające miasto

ze [illegible] Kiepurą i Brygidą Helm w rolach główn.

Nad program: [illegible] dodatki dźwiękowe.










*Kino dźwiękowe ODEON*

Od 2 Lutego r. b.

Wspaniały film dźwiękowy p. t.

## Noce Upojeń

*Dodatki dźwiękowe*

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

Dziś i dni następnych

## Trójka

w rolach głównych:

*Olga Czechowa*
*i H. A. Schletow*

*Kino dźwiękowe COEO*

Dziś i dni następnych

## IGRASZKI PIENIĄDZA

Nad program *dodatki dźwiękowe*

Redaktor Ch. M. Harc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom, Szewckikowska 20.